**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ראיאנישע לופט קוואליטעט העלט עדווייזעריס פאר שבת, יולי 1, דריי-טעג איבער די סטעיט עדווייזערי ענדיגט זיך.**

***לופט קוואליטעט העלט עדווייזערי בלייבט אין קראפט פאר די עדיראנדאק, אויבערשטע און נידריגע האדסאן וואלי, ניו יארק סיטי מעטרא, און לאנג איילענד ראיאנען פאר שבת, יולי 1***

***הונדערטער טויזענטער N95-סארט מאסקעס וועלן ווייטער זיין צום באקומען פאר דער פובליק איבער דער סטעיט***

***טראנזיט אויטאריטעטן אין אפעקטירטע ראיאנען וועלן ווייטער נוצן פובליק אדרעסירונג סיסטעמען, באס העדווער שילדן, סאשעל מידיא, און אנדערע עלעקטראנישע שילדן צו געבן לופט קוואליטעט פארבינדענע זיכערהייט אינפארמאציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט ראיאנישע לופט קוואליטעט העלט עדווייזעריס און וועלן ווערן ארויסגעגעבן פאר ראיאנען אין די מזרח האלב פון ניו יארק סטעיט, וועלכע איז ווייטער אפעקטירן דורך רויעך פון די קאנאדא וואלדפייערן ווי אויך אזאון אין עטליכע ערטער. נאך דריי טעג, וועט זיך די לופט קוואליטעט העלט עדווייזערי איבער די סטעיט זיך ענדיגן אינעם צייט וואס די לופט ווערט בעסער אין מערב ניו יארק, צענטראלע ניו יארק און די מזרח לעיק אנטאריאו ראיאנען. די דעפארטמענטס פון ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג און געזונטהייט געבן ארויס א לופט קוואליטעט העלט עדווייזערי בלייבט אין קראפט פאר מארגן, שבת, יולי 1, פאר די עדיראנדאק, אויבערשטע און נידריגע האדסאן וואלי, צענטראלע ניו יארק סיטי מעטרא, און לאנג איילענד ראיאנען פאר רויעך-פאראורזאכנדע PM2.5 רויעך, און פאר אזאון אין די נידריגע האדסאן וואלי ראיאן. לופט קוואליטעט איז פאראויסגעזאגט צו דערגרייכן 'אומגעזונט פאר סענסיטיווע גרופעס' לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) אויף שבת פאר PM2.5 אין די אפעקטירטע ראיאן. לופט קוואליטעט איז פאראויסגעזאגט צו דערגרייכן 'אומגעזונט פאר סענסיטיווע גרופעס' לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) אויף שבת פאר אזאון אין די נידריגע האדסאן וואלי ראיאן. ביי דעם שטאפל, קענען מיטגלידער פון סענסיטיווע גרופעס שפירן געזונטהייט ווירקונגען. די אלגעמיינע באפעלקערונג וועט ווארשיינליך נישט אפעקטירט ווערן. צו לערנען מער, זעט טאוול דא.

"אינעם צייט וואס מיר גרייטן זיך צום האלידעי וויקענד, זאלן ניו יארקער ווייטער איבערקוקן די לעצטע לופט קוואליטעט אין זייער ראיאן איידער זיי גייען ארויס"" **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר מוזן בלייבן אנטשלאסן צו באשיצן פובליק געזונט און מיר וועלן ווייטער אפדעיט'ען ניו יארקער זיי צו העלפן בלייבן אינערוויינינג אינעם צייט וואס די צושטאנד האלט זיך אין איין טוישן."

א לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי פאר שטויב שטיקלעך איז יעצט אין קראפט א גאנצע טאג פרייטאג, מיט שטאפלען פון רויך אין די לופט וואס איז 'נישט געזונט' און 'נישט געזונט פאר עמפינדליכע

גרופעס' אין ראיאנען דורכאויס די סטעיט. אן אזאון עדווייזערי איז אויך ארויסגעגאנגען פאר די ניו יארק סיטי מעטרא ראיאן היינט.

סטעיט אגענטורן זענען פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט איבער די סטעיט פאר ווירקונגען פון קליינע רויעך שטיקעלך (particle matter, PM2.5) וואס קומען צוליב רויעך פון די קאנאדישע וואלדפייערן און אזוי אויך פאר אזאון. סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן ארבעטן ווייטער אויס לופט קוואליטעט מאניטערן, פובליק וואכזאמקייט און עדיוקעישאן, מאסקע פארטיילונג, און אנדערע באמיאונגען צו פארמיידן אדער באגרעניצן דאס זיין אויסגעשטעלט צו העכערע שטאפלען פון רויך-געפירטע לופט פארפעסטיגונג.

די רויעך גאנג איז ערווארטעט זיך צו רוקן פון דרום-מערב צו צפון-מזרח פרייטאג ביינאכט אריין אין שבת. יעצטיגע אפשאצונגען זאגן אז הויכע שטאפלען פון רויעך-פארבינדענע PM2.5 וועט זיין באגרעניצט צו קורצע שטרעקעס פון לופט קוואליטעט וואס איז יעצט "נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס' פארגעזאגט פאר די גאנצע סטעיט.

פאר זונטאג, צייגן די יעצטיגע פארשטעלונגען אז רויך וועט ווארשיינליך צוריקקומען דורך ניו יארק סטיעט צוליב די רויעך וואס פארבלייבט אין די מיטל-מערב און מיטל-אטלאנטיק ראיאנען. אלטע רויעך איז מער ווארשיינליך צו ווערן געצויגן צפון-מזרח איידער קאלטע לופט וואס איז אויפ'ן וועג קומט אן, פירנדיג צו עטוואס העכערעPM2.5 AQI ווערדן.

כאטש די לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען זענען פאראויסגעזאגט צו זיין צווישן 'נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס' און 'נישט געזונט' פאר יעדן איינעם דורכאויס די גאנצע צייט, דאך גיבן די DEC און DOH ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס און די פאסיגע אנווייזונגען באזירט אויף די פאראויסגעזאגטע אומשטענדן פאר 24 שעה, און אין געוויסע שעה'ן קענען די שטאפלען זיין העכער פון די פאראויסגעזאגטע שטאפלען פאר די ראיאנען, מיט מעגליכע אומגעזונט אדער זייער אומגעזונט שטאפלען לויט די שעה.

גרויסע פייערווארקס אפשאצונגען זענען ערווארטעט צו בויען אויף הויכע PM2.5 AQI דערנעבן און אינעם גוטע ריכטונג פונעם ווינט ארויסווארף ערטער און קען ווערן אנגעזאגט דורך די סטעיט'ס לופט מאניטאר דעווייסעס.

באזוכטdec.ny.gov פאר אפדעיטעד שאצונגען און אינפארמאציע וועגן לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען, און http://www.health.ny.gov/ פאר אינפארמאציע אויף געזונטהייט ריזיקעס און באווארענישן פארבינדן מיט לופט קוואליטעט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "DEC וועט האלטן א שטרענגע אויפזיכט אויף די צושטאנד דורכאויס די האלידעי וויקענד און וועט ארויסגעבן עדווייזעריס לויט ווי נויטיג נאכ'ן זיך נאכפרעגן ביי אונזער פעאיגע וועטער עקספערטן און מיטארבעטער פון די סטעיט דעפארטמענט און העלט. איך מוטיג אלע ניו יארקער זיך צו האלטן אינפארמירט צו מאכן די בעסטע באשלוסן זיך צו באשיצן און צו באשיצן זייערע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און העלט קאמיסיאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "מיט נישט געזונטע לופט איבער די מזרח טייל פון די סטעיט, און א זוממער האלידעי וויקענד וואס דערנענטערט זיך יעצט ווען אזויפיל מענטשן פארברענגען אינדרויסן, איז וויכטיג אז יעדער זאל וויסן איבער זייער לאקאלע לופט קוואליטעט און זייער פערזענליכע געפאר. איר קענט איבערקוקן אייער לופט קוואליטעט מיט אייער טעלעפאן וועטער עפפ אדער אויף און אויב אייער לופט איז נישט געזונט,

באגרעניצט די צייט וואס איר פארברענגט אינדרויסן, באגרעניצט שווערע ארבעט, און עס איז אויך א גוטע עצה צו האבן א גוטע קוואליטעט מאסק מיט אייך. ניו יארקער וועלכע זענען באזונדערס עמפינדליך צו העכערע שטאפלען פון שטויב אין די לופט, אריינרעכענענדיג גאר קליינע קינדער, מענטשן עלטער ווי 65, פרויען וואס ווארטן קינדער, און מענטשן וועלכע האבן פריערדיגע פראבלעמען צום ביישפיל הארץ קראנקהייט אדער אסטמא."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "לופט קוואליטעט בלייבט א זארג פאר אונז און מיר האלטן א שטרענגע אויפזיכט אויף די וועטער אפשאצונג. מיר ווילן אז ניו יארקער זאלן זיין צוגעגרייט דעם האלידעי וויקענד: ווייסט אייער געפאר און בלייבט אינפארמירט אויף די יעצטיגע AQI וועטער אפשאצונג פאר אייער קאמיוניטי."

אונטער די גאווערנער'ס אנווייזונגען זענען איבער איין מיליאן N95-סארט גוטע-קוואליטעט מאסקעס פארטיילט געווארן דעם מאנאט צו העלפן אדרעסירן די ווירקונג פון די לופט קוואליטעט.

אין ניו יארק סיטי די וואך, פארטיילן די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט, פארט אויטאריטעט און די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג, מאסקעס פאר רייזנדע ביי גרויסע טראנספארטאציע צענטערן און ביי סטעיט פארקס.

אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, מאכט די סטעיט אוועילעבל נאך הונדערטער טויזנטער מאסקעס ביי איר ראיאנישע סטאקפיילס צו קאַונטי עמערדזשענסי מענעדזשערס פאר ווייטערדיגע פארטיילונג פארן פובליק.

מאסקעס זענען צום באקומען אין די פאלגנדע לאקאציעס:

- גרענד צענטראל טערמינאל
- פען סטאנציע
- פולטאן צענטער
- דזשעמעיקע צענטער
- הויפט פאסאנזשירן זאל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל, דרום פליגל
- אטלאנטיק אוועניו, ברוקלין
- גרענד קאנקאורס, בראנקס
- שירלי טשיסהאלם סטעיט פארק
- קלעי פיט פאנדס סטעיט פארק פרעזערוו
- דעני פארעל ריווערבענק סטעיט פארק
- ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק

טראנזיט אויטאריטעטן איבער דער סטעיט ניצן אויס פובליק אדרעס סיסטעמס, גרויסע אויטאבוס שילדן, סאציאלע מעדיע און אנדערע עלעקטראנישע מעטאדן צו צושטעלן לופט-קוואליטעט שייכות'דיגע שיצ-אינפארמאציע דירעקט צו די קונים, ווי אויך:

- מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט
- נעסאו טראנזיט
- וועסטשעסטער קאונטי בי-ליין
- הויפטשטאט דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט עצה'ט צו אונטערנעמען באווארענונג שריט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן סכנות רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער 100 ('נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס'), זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל קאנדזשעסטיוו הארץ פעיליור, האבנדיג געהאט א הארץ אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען), און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער, און פרויען וואסווארטן א קינד.
- ווען די AQI איז העכער פון 150 ('נישט געזונט'), זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טוהן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין עמפינדליכע גרופעס זאלן זיך אינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט, באזונדערס טראגעדיגע פרויען וועלכע קענען גרינגער אויסלויפן פון אן אטעם. אין צוגאב זאלן געוויסע ארבייטער וועלכע זענען עמפינדליך ארבעט אינעווייניג, און קעמפ דירעקטארס זאלן וויסן די פאראויסגעזאגטע לאקאלע AQI און אלערט שטאפל און אויספאלגן די AQI אנווייזונגען.
- ווען די AQI איז העכער 200 ('זייער נישט געזונט'), זאלן עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון אלע פיזישע אקטיוויטעטן אינדערויסן, און אפשטופן אדער אריינרוקן אקטיוויטעטן אינעווייניג. אלע אנדערע זאלן זיך צוריקהאלטן פון לאנגע אדער אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.
- ווען די AQI איז העכער 300 ('געפארפול") זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון דרויסנדיגע פיזישע אקטיוויטעטן.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, ווען לופט קוואליטעט איז נישט געזונט, איז רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-געפאסטע מאסקע. N95 אדער KN95 וועט ארבעטן די בעסטע.

צו איבערקוקן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו http://www.airnow.gov/.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט אויף מיטוואך אז אכט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג וואלד באאמטע זענען געגאנגען קיין קוועבעק פאר אומגעפער צוויי וואכן צו העלפן מיט די באמיאונגען צו איינהאלטן די אנגייענדע ווילדע פייערן. פריער אין דער וואך, האט גאווערנער האקול מקבל פנים געווען אהיים אכט וואלד באאמטע וואס זענען געווען אין נאווע סקאשיע און קובעק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418